# צום פינטל

גליון קט
פרשת וישב תשפ"ה

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה



### ◆ אל ישנה בן בין הבנים

די חז"ל נעמען ארויס א שטארקע למעשה'דיגע ענין פון די די 'כתונת פסים'. אין מסכת שבת (י ע"ב) זאגן די חז"ל 'לעולם אל ישנה אדם בן בין הבנים', א מענטש זאל נישט געבן מער פאר איינעם, אפילו פון א קליינִיגקייט, קען ארויסקומען שווערע זאכן. 'בשביל משקל שני סלעים מילת, ירדו אבותינו למצרים', וועגען א וואג פון צוויי סלעים וואל (טייערע וואל), זענען אונזערע עלטערן אראפ געגאנגן קיין מצרים, פון א גארנישט, א זיידענע העמעדל, איז נתגלגל געווארן אזא גרויסע גלות.

די חז"ל און די ספרים הקדושים זענען מאריך אין די מחלוקת פון די שבטי קה, די תורה'דיגע ענינים וואס זיי האבן זיך געקריגט, אונז פארשטיין נישט אין שבטי קה, אבער אין אונזער לעבן פארשטייט אונז גוט, די רייבערייען צווישן געשוויסטער, רייבערייען צווישן קינדער אין חדר, ביי אלעס געדענקט מען די מורא'דיגע יסוד 'אל ישנה בן בין הבנים'. דאס איז א שווערע הארוואניע אכטונג צו געבן אז יעדער קינד זאל באקומען זיין ענטענטשן, די אויגן זאל אים נישט ארויסגיין פאר קנאה.

גלות מצרים איז שוין נגזר געווארן ביים 'ברית בין הבתרים', אבער די 'כתונת פסים' איז געווען די גורם אז ס'זאל נתגלגל ווערן למעשה. ריכטיג אלעס איז באשערט, אבער מאך נישט איינעם מער ווי דער אנדערע, זיי נישט מגלגל פראבלעמען למעשה. אזויווי ביי א קינד וואס גליטשט ח"ו, קיינער וויל נישט האבן דעם פילינג אז ער איז געווען די גורם, די ווייטאג פון עלטערן אדער מלמדים אז זענען האבן ח"ו גורם געווען, דאס איז גארנישט אזוי בטעמ'ט. אלעס איז טאקע באשערט, אבער פארט יעדער וויל בלייבן ריין, קיינער וויל זיך נישט פארפאטשקענען, יעדער וויל האבן א רואיגע געוויסן אז איך בין נישט געווען די גורם, מיין נערישע העמידל האט דאס נישט אנגעמאכט.

### ◆ אהבה עצמית

אפילו א קליינִיגקייט קען גורם זיין גרויסע זאכן, ביי די קינדער איז עס נישט קיין קליינִיגקייטן, זיי זען עס גאר גרויס, זיי זען ווי די קליינִיגקייט ווייזט אויף עפעס א 'אהבה' בעצם, בפרט עטליכע קליינִיגקייטן צוזאמען וואס דאס איז ווי א 'סימן' אויף א 'עצם אהבה', אזויווי דא ביי יעקב אבינו, די העמדל איז נישט געווען די נושא, די העמדל האט געוויזן אויף עפעס א עצם אהבה, דאס איז וואס האט זיי אזוי שטארק געבאדערט. און דאס באדערט פאר קינדער, נעם עס נישט פאר לייכט, ס'איז נישט קיין קליינִיגקייטן.

א טאטע האט ליב אלע קינדער, 'א טאטע בלייבט א טאטע אלעמאל', אלע זענען זיינע קינדער. אבער דאס איז נאר מצד די עצם קשר, אין טאג טעגליכען לעבן איז דא גענוג שוועריגקייטן, ווי טאטעס האבן מער ליב איין קינד מער פון די אנדערע, ער האט ליב די קינדער וואס ברענגן ארויס זיינע כוחות, די קינדער וואס ראָטן אריין אין אים וכדומה. די אלע זאכן פילן קינדער זייער שטארק, יעדער קליינִיגקייט טייטשן זיי אויס פאר א עצמיות'דיגע אהבה, די טאטע האט מער ליב אים ווי די אנדערע קינדער.

דאס איז אויף ביידע זייטן, סיי דער קינד וואס באקומט יא די אהבה, די עקסטערע ליבשאפט און אויפמערקזאמקייט, פילט ער עס גאר שטארק, ער זעט עס נישט פאר א קליינִיגקייט, ער נעמט פון דעם 'אהבה בעצם', די זעלבע זאך אויף פארקערט, דער קינד וואס באקומט נישט די אהבה, ער זעט ווי דער אנדערע קינד באקומט א עקסטערע אהבה, זעט ער עס ווי א עצמיות'דיגע אהבה, ער זעט עס נישט ווי א קליינִיגקייט.

> **טאטע מאמע צוטיילן די כבוד אינדערהיים צווישן אלע קינדער, א שבת סעודה, דער באקומט א ניגון, דער באקומט די כבוד צו זאגן א תורה, דער אנדערער לאזט מען סתם פארציילן, יעדער באקומט זיין חלק**

### ◆ ארי בר חכים היא ליה

רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א (חשוקי חמד שבת י) ברענגט א שאלה "ס'איז געווען א מענטש וואס האט געהאט גוטע געראטענע קינדער, בן פורת יוסף וכל בניך לימודי ה', אבער זיין לעצטע קינד האט נישט אזוי מצליח געווען ווי די אנדערע ברידערס, די טאטע מאמע האבן געדארפט משקיע זיין אין אים מער כוחות, זיי האבן אים געגעבן מתנות מיט נאשערייען, זיי האבן אים ארומגענומען מיט א עקסטערע ליבשאפט מער ווי די אנדערע ברידערס".

האט דער יוד געפרעגט פון רבי יצחק זילבערשטיין צו ס'איז דא ביי דעם א חשש פון 'אל ישנה אדם בנו בין הבנים', האט ער גע'פסק'נט אז ס'איז נישט דא קיין חשש, ווייל ס'איז דא א 'סיבה' צו די אהבה, די אנדערע קינדער פילן און פארשטייען אז ס'איז דא א סיבה דערצו.

ער ברענגט דארט פון חתם סופר (שבת י), די חתם סופר איז מדייק אז די לשון 'בן בין הבנים' איז משמע אז אלע קינדער זענען גלייך, טאמער איין קינד איז באמת מער, ער האט מער תורה חכמה וכדומה, ס'איז דא א 'סיבה' צו די אהבה, דעמאלטס מעג מען יא געבן מער 'אהבה'. און דאס איז געווען די טעם פון יעקב אבינו אז ער האט מכבד געווען 'יוסף' מער, 'כי בן זקונים היא לו', 'ארי בר חכים היא ליה', ס'איז געווען א סיבה צו די אהבה.

### ◆ כי בן זקונים היא לו, לו דוקא

'כי בן זקונים היא לו', פאר אים, פאר יעקב אבינו איז יוסף געווען א חכם, ביי די אנדערע ברידערס איז ער בכלל נישט געווען קיין חכם, 'והוא נער את בני בלהה', די אנדערע ברידערס האבן נישט געזען יוסף פאר עפעס א זאך, זיי האבן אים אנגעקוקט ווי א פשוטע קינד. ממילא האט דאס געברענגט א קנאה, ווייל זיי האבן געפילט אז ס'קומט זיך אים נישט, ער איז פונקט ווי אלע אדער נאך וויינִיגער, פארוואס מאכט מען פון אים א מצב.

דער חתם סופר רעדט אז דער קינד איז

המשך בעמוד הבא

מער קלוגער ערליכער וכדומה, און היא הדין אז דער קינד איז מער א רחמנות, מ'דארף זיך ספעציעל אפגעבן מיט אים, וואס דאן וועלן די אנדערע קינדער פארשטיין אז ס'איז דא א סיבה. 'אל ישנה בן בין הבנים' איז נאר ווען ער דערהייבט א קינד אָן קיין סיבה, ער האט ליב א קינד בעצם, עפעס איין קינד האט א חן אין זיינע אויגן, עפעס א אהבה בעצם, אבער טאמער די אהבה איז נאר א דרויסנדיגע זאך, א אהבה צו א געוויסע מעלה וכדומה, איז דאס אביסל לייכטער.

צומאל האבן טאטע מאמע א פחד פון דעם 'אל ישנה' און מ'געבט נישט גארנישט, צומאל וואלט מען געוואלט געבן פאר איינעם מער, א קינד וואס זיצט און לערנט, צומאל וואלט מען געוואלט געבן מער ירושה, אבער ס'איז דא א פחד פון דעם 'אל ישנה', ווי ס'ווערט טאקע געפסק'נט אין הלכות ירושה אז מ'זאל נישט משנה זיין, אבער פון די אנדערע זייט איז דא די יסוד פון חתם סופר אז טאמער ס'איז דא טאקע א ריכטיגע סיבה איז נישט דא דעם 'אל ישנה'. (קצת קשה על החת"ס דהיסוד ש'אל ישנה בן בין הבנים' איתא בחושן משפט כלפי ירושה, שלא ישנה בן בין הבנים, ומשמע שם אפילו כשיש לו סיבה לדבר, ונראה דהכל לפי הענין כמה רגיש הדבר, בירושה הענין רגיש במיוחד כמובן).

### אהבה חיצונית מותר

יעדעס קינד וויל פילן די עצם אהבה פון טאטע מאמע, אבער און פארנט פון אנדערע קינדער ווייזט מען נאר ארויס א חיצוניות'דיגע אהבה, א אהבה צו עפעס וואס דער קינד האט געטון, א אהבה צו עפעס א מעלה פונעם קינד, און ווען מ'איז ביחידות מיטן קינד ברענגט מען עס ארויס צו א 'עצם אהבה'. אנטקעגען אנדערע ברידערס איז עס א מעלה בעלמא, און ביחידות ברענגט מען די מעלות גופא צו אהבת העצם.

אין פרשת ויגש שטייט אז יוסף האט געגעבן פאר בנימין 'חמש חליפות שמלות', פרעגט די גמרא (מגילה טז) וויאזוי האט ער דאס געטון, געבן פאר איינעם מער ווי אלע אנדערע, אונז האבן דאך געלערנט 'לעולם אל ישנה'. די גמרא ענטפערט אז די פינעף קליידער זענען געווען א רמז אויף די מלכות'דיגע קליידער פון מרדכי הצדיק. אלע פרעגן וואס איז פארענטפערט, למעשה איז ער משנה איינעם מער ווי די אנדערע (די מהרש"א אין חידושי אגדות האט א פשט אין דעם).

לפי וואס מ'האט געשמוסט אז א חיצוניות'דיגע אהבה איז מותר, איז דא אויך פשט אז יוסף האט נישט דא ארויסגעברענגט א עצמיות'דיגע אהבה, די ברידער האבן נישט געפילט דא א עצמיות'דיגע חן און אהבה, זיי האבן געפילט אז ס'איז נאר א רמז ווי מ'זאגט.

די אזהרה פון 'לעולם אל ישנה' שטייט באמת אויף א טאטע, נישט ביי א ברידער, ביי א טאטע טוט עס ווי אז ער האט מער ליב איינעם פונעם אנדערן, אבער ביי א ברידער איז דאס לכאורה נישט דא, אבער יוסף איז דאך געווען דארט אין מצרים א מלך, ער איז געווען דארט די גאנצע שפיץ פון די משפחה, ממילא וואלט א עצמיות'דיג אהבה געקענט ווי טון, דאס איז די גמרא'ס קושיא וויאזוי האט ער געקענט געבן 'חמש חליפות שמלות', און די תירוץ איז אז ס'איז נאר געווען פאר א רמז אויף די בגדי מלכות פון מרדכי, ס'איז נאר געווען א 'אהבה חיצוניות' סתם א 'רמז', וואס ס'איז נישט דא קיין פראבלעם פון 'אל ישנה בן בין הבנים'.

'אל ישנה בן בין הבנים' איז במיוחד ווען זיי זענען קליין און די געשוויסטער זענען צוזאמען, אבער אלעס איז לפי הענין, ביי גרויסע זאכן איז עס דא שפעטער אויך, ווי מ'זעט אין שלחן ערוך חושן משפט אז מ'זאל נישט משנה זיין די ירושה. וועגן דעם דא ביי בנימין און יוסף איז דאס א מדובר, כאטש וואס זיי זענען שוין געווען גדולים ופשוט.

### א משפחה פראיעקט

די טאטע און מאמע זענען ווי מענידזשערס, א מענידזשער באלאנסירט די ביזנעס, וועלכע חלק פון די ביזנעס זאל מען זיך היינט אריינלייגן, ווער זאל טון וואס ווען און ווי, ער צוטיילט די ארבעט צווישן יעדן אויף א גוטע וועג. די זעלבע זאך טאטע מאמע צוטיילן די כבוד אינדערהיים צווישן אלע קינדער, א שבת סעודה, דער באקומט א ניגון, דער באקומט די כבוד צו זאגן א תורה, דער אנדערער לאזט מען סתם פארציילן, יעדער באקומט זיין חלק.

אין די וועלט ווייסט מען פון אזא זאך ווי א 'משפחה פראיעקט' (פרויקט משפחתי, family project), די משפחה מאכט עפעס צוזאמען ווי יעדער קען אריינלייגן זיינע כוחות, יעדער איז זיך משתתף מיט צייט און כשרונות, צוזאמען געבט מען ארויס עפעס משמעות'דיג, צוזאמען פלאנצט מען, צוזאמען בויט מען א 'שילוח הקן' נעסט, צוזאמען מאכט מען א 'משפחה אלבום', צוזאמען ארבעט מען אויף א 'אילן יוחסין'. ווען די טאטע/מאמע שטייען איבער די פראיעקט צו מענידזשען אלעמען, יעדער זאל באקומען זיין חלק, יעדער זאל קענען אריינזאגן זיין דעה, יעדער זאל קענען ארויסנעמען פון דעם זיין כבוד.

אז ס'קומט יום טוב פסח באקומט יעדער קינד זיין ארבעט, דער קינד ביים אויפרוימען, דער ביים באקן און קאכן, און דער אנדערער ביים ארויסגיין איינקויפן, יעדער טוט זיין חלק, אבער מ'פילט די גוטע הרגשה פון ארבעטן צוזאמען, דורך דעם וואס די טאטע מאמע שטייען איבער אלעס, זיי פארלאנגן פון יעדעס קינד זיין זאך, און זיי געבן נאכדעם די גוטע הרגשה אז יעדער האט געהאלפן מיט זיין חלק.

ביים סדר נאכט באדאנקן טאטע/מאמע די קינדער ווי יעדער האט געהאלפן איינרישן דעם פסח, מ'נעמט צוזאמען ארויס די כבוד, יעדער קומט ארויס מיט א גוטע הרגשה, ער איז א וויכטיגע חלק אין שטוב. און א קינד וואס איז געווען שווערער, באקומט אביסל מער אנערקענונג, א קינד אפילו ער האט געמאכט א גרויסע חלק, געבט מען אכטונג ער זאל נישט צו כאפן די גאנצע כבוד, אזוי שטייען די טאטע מאמע אויפן וואך צו האלטן די ריכטיגע באלאנס אין שטוב.

### האלטן די באלאנס

דער אייבישטער כביכול באלאנסירט די וועלט, דער אייבישטער נעמט זיך אן פאר די יתומים ואלמנות, ער נעמט זיך אן פארן שוואכערן, דער אייבישטער באלאנסירט אלעמען, איינעם געבט ער כבוד און געלט דיירעקט, פארן צווייטן געבט ער כבוד אומדיירעקט, דורך דעם וואס ער נעמט זיך אן פאר אים, דער אייבישטער וועגט אפ דעם וואגשאל פון כבוד, און מאכט זיכער אז יעדער באקומט זיין גלייכע חלק, ער מאכט זיכער אז קיינער ווערט נישט אויסגעלאזט.

יעדער אין זיין ממשלה דארף באלאנסירן, דער 'מלמד' דארף באלאנסירן די כבוד אין זיין כיתה, טאטע מאמע באלאנסירן זייער משפחה, א רב אין זיין קהילה באלאנסירט די מענטשן אין די קהילה, יעדער וואס פירט אן מיט מענטשן דארף מאכן זיכער אז יעדער באקומט זיין יושר'דיגע חלק אין כבוד, פונקט ווי א מענידזשער וואס איז מסדר יעדער חלק פון די ביזנס וואס ווי און ווען.

אודאי קען מען נישט פארגלייכן א 'מלמד' וואס האט דרייסיג קינדער איז נישט דומה צו א מלמד וואס האט צוואנציג קינדער. א שטוב פון זעכצן קינדער איז נישט דומה צו א שטוב פון אכט קינדער, יעדעס מאל דארף די כבוד צוטיילט ווערן לפי 'ריבוי הנפשות', אויב איז דא וויניגער קינדער אין שטוב, באקומט יעדער א גרעסערע שטיקל כבוד, אויב איז דא מער קינדער אין שטוב, באקומט יעדער איינער א קלענערע שטיקל, דער עיקר אז ווי סאך ס'איז דא זאלן אלע באקומען א גלייכע חלק.

ס'איז דא כבוד און אויפמערקזאמקייט פון איין קינד צום צווייטן, קינדער אין חדר, געשוויסטער אינדערהיים, מ'געבט אויפמערקזאמקייט איינער פארן צווייטן, אבער דער עיקר איז אז כלפי דער וואס איז איבער זיי, כלפי דער וואס איז מושל אויף זיי, דארטן זאל יעדער האבן א גלייכע חלק, א גלייכע חלק ביים מלמד אין חדר, א גלייכע חלק ביי טאטע מאמע אינדערהיים.

## גוטע פחדים

פחדים (פאביעס) פארנעמט א גרויסע חלק אינעם מענטשס לעבן, און ס'איז נישט דוקא א שלעכטע זאך, אבער אויב די פחדים גייען אריבער די גבולות, דאן ווערט עס א נפשיות'דיגע פראבלעם. אמת'ע פחדים איז א גוטע זאך, אויב מ'האט מורא פון די חברותא, דאן קומט מען אין צייט. אויב מ'האט מורא אז דער בעל הבית וועט זיך בייזערן, שטעלט מען זיך בעסער צו. אויב מ'האט מורא אז מ'וועט פארלירן געלט, געבט מען מער אכטונג דערויף. אז מ'האט מורא פון טאטע מאמע, פאלגט מען זיי.

פחדים איז טאקע גוט, אבער מ'דארף מאכן זיכער אז זיי זענען ריליסטיש, א מענטש קען ליגן ביי זיך אין בעט און פחד'נען פון אלעס, מ'דארף צוזאמנעמען די פחדים און זען צו זיי זענען ריליסטיש, אלעס קען געשען, קיינער איז נישט פארזיכערט, אבער לאמיר זען צו ס'איז 'מצוי'. ווען א מענטש צונעמט די זאך, ער זעט די אמת'ע בילד, דאן האלט ער זיך אין די ראמען, און לאזט נישט די פחדים ארויסגיין פון די גבולות (א 'הרגש' קען זיך אויסשפרייטן, און א הרגש קען זיך איינציען, מ'דארף אכטונג געבן ס'זאל האבן די ריכטיגע באלאנס).

פאר יעדער שרעקעדיגע מצב חזר'ט א יוד אמונה און בטחון, ביינאכט פאר גיין שלאפן חזר'ט מען פסוקים פון התחזקות, אז די טראכסט אריין אמאליגע צייטן ווען די נאכט זענען געווען היפש שרעקעדיג, און א יוד חזר'ט די פסוקים פון קריאת שמע שעל המטה. מוצאי שבת מ'האט מורא אריינצוטרעטן אינעם נייעם וואך, ווער וויסט צו מ'וועט מצליח זיין אין פרנסה, מ'בעט ערליך 'גט פון אברהם', מ'נעמט ארויס די אל תירא'ס, מ'חזר'ט נאך אמאל און נאך אמאל דעם 'אל תירא'. דער אייבישטער זאל געבן כח פאר א פרישע וואך, זיך צו קענען פריש שטארקן אויף אלע פחדים.

## גדולה חזקה

זאכן טוישן זיך אויף די וועלט, צייטן טוישן זיך, זאכן וואס אמאל האט מען יא געדארפט מורא האבן און היינט נישט, זאכן וואס אמאל האט מען נישט געדארפט מורא האבן און היינט יא. קען זיין אז בכללות היינט ווי אונז שטייען יעצט איז יתכן אז ס'איז דא מער פון וואס מורא צו האבן, ס'איז דא ל"ע מלחמות מגיפות אקאנאמיע, דראונס אין די הימעל'ן. אבער פון די אנדערע זייט איז דא אזא זאך ווי חזקה, ווי לאנג די זעסט נישט קיין סכנה ממשי, אויב ביז יעצט איז געווען גוט און סעפטי, וועט ווייטער אויך זיין אזוי.

פון דעם קומט די הרגשה פון קוק נישט, טראכט נישט, אלעס איז גוט. דאס איז כדי אנצוהאלטן די 'חזקה', א חזקה ווילאנג מ'האט נישט געזען פארקערט דארף מען נישט חושש זיין, געוועינטליך איז מען נישט מחויב בודק צו זיין ווילאנג מ'האט נישט געזען קלאר. זייער אסאך מענטשן איז דא וואס לעבן אזוי, ס'גוט ס'גוט, אריינטראכן וועט ארויפברענגען די 'ריעותא' און מאכן פראבלעמען, ענדערשט לאז לויפן וואס דאן פארט עס מיט די 'חזקה'.

## א ריעותא אין די חזקה

צומאל האט א 'חזקה' א 'ריעותא'. די מצב אין די היינטיגע וועלט קוקט אויס ווי ס'איז דא עפעס א 'ריעותא', די כח החזקה, די רואיגקייט און זוכערקייט איז אביסל אוועקגעגאנגן, אבער פארט 'גדולה חזקה', חזקה קען מען נישט אזוי שנעל מבטל זיין, 'חזקה' איז אלעמאל שטערקער ווי די ריעותא, אויב איז ביז יעצט געווען גוט, וועט בעזהי"ת ווייטער זיין גוט.

'חזקה' איז א כח פון בטחון וואס דער אייבישטער געבט פאר די וועלט צו קענען אנגיין, צומאל געבט ער מער און צומאל ווייניגער. ווי מער א מענטש טוט זאכן מיט א תמידיות, בויט ער אויף ביי זיך די כח פון חזקה, און פארקערט ווי מער ער מאכט שינויים אין לעבן, פארלירט ער די כח פון חזקה. טוישינגען אין לעבן קען מאכן טראמעס און פחדים, ס'פעלט די ראטין וואס בויט די כח הבטחון און כח החזקה.

יעדער מדינה בויט א 'חזקה' אין די אייגענע מדינה, אבער אנדערע מדינות פראבירן אלץ צו צוברעכן דעם אנדערנס חזקה, מ'פראבירט אויפצו-ווייזן יענעמס 'ריעותא', יענעמס שוואכע חלקים, די מערב וועלט לענדער ווילן צוברעכן די חזקה פון די מזרח וועלט לענדער, און די מזרח וועלט לענדער ווילן צוברעכן די חזקה פון די מערב וועלט לענדער, מענטשן ווילן צוברעכן די חזקה פון אמעריקא, ס'איז דא מענטשן וואס ווילן אויפווייזן אז ס'איז דא א ריעותא וכו', מ'מאכט פליען דראונס (רחפנים) וכו'. די זעלבע ביי יעדער מענטש פריוואט, יעדער מענטש פראבירט צו בויען די אייגענע חזקה, און צוברעכן דעם צווייטנס, ער זאל פילן רואיג און פארזיכערט, און דער צווייטער זאל זיין מער דערשראקן, דאס איז די מציאות האדם.

## פחד וחרדה

א מענטש דארף אבער וויסן, ריכטיג אז ס'איז דא 'חזקה', אבער פארט זאכן קענען געשען, יעדער מענטש האט א 'חזקת חי', ער האט געלעבט ביז יעצט, מסתם וועט ער ווייטער לעבן, אבער מיט דעם אלעם שטארבן מענטשן, זאכן קענען געשען. חזקה זאגט נאר אז מ'בייגט עס מער צו וואס ס'איז געווען ביז יעצט, אבער גארנישט פארזיכערט נישט קיינעם, דער אייבישטער קען טוישן די גרעסטע חזקות לפי זיין רצון.

פיסכלאגן זאגן אז א מענטש דארף זיין אפען, זאכן קענען געשען, זיך בייגן צו די מציאות הבריאה כמו שהיא, צו די מצב וויאזוי דער אייבישטער פירט די וועלט יעצט, יעדעס מאל די פחד קומט ארויף אין קאפ, ווערט מען נישט אנגעצינדן פון פחד, נאר

המשך בעמוד הבא

**פחדים איז א גוטע זאך, אויב מ'האט מורא פון די חברותא, דאן קומט מען אין צייט. אויב מ'האט מורא אז דער בעל הבית וועט זיך בייזערן, שטעלט מען זיך בעסער צו. אויב מ'האט מורא אז מ'וועט פארלירן געלט, געבט מען מער אכטונג דערויף**

מ׳פארשטייט אז די פחד איז א חלק פון אלע פחדים אין די וועלט. מתחלה איז ער שוין מסכים אז דאס איז די מציאות, ער ווערט נישט איבערגענומען יעדעס מאל נאכאמאל און נאכאמאל, ער ווערט שוין נישט איבערגענומען פון יעדער קליינע שרעק.

וירא יעקב שמא יגרום החטא. די מהות פון א מענטש איז אז ער איז א פחדן, ער קען וויסן אז גדולה חזקה, נאכאלץ האט ער מורא, דאס איז די מציאות פון די וועלט, א מענטש איז א פחדן. דער אייבישטער האט ספעציעל אזוי געמאכט, דער מענטש זאל זיך נישט פארלאזן אז ס׳איז גוט אזויווי ביז יעצט, נאר ער זאל פראבירן צו מאכן בעסער, ער זאל מורא האבן פון די יעצטיגע מצב, תשובה טון און חזר׳ן אמונה און בטחון.

## סאושעל פחדים

ס׳איז דא פשוטע פחדים פון צרות מלחמות חיות רעות, עקסידענטס ל״ע, ערפלען קראך וכו׳ וכו׳, און ס׳איז דא סאושל פחדים, גאנצטע ליסטעס פון אלע סארטן פחדים וואס דער מענטש האט מורא פון אנדערע מענטשן. און ווי געשמועסט אז ווען ס׳איז אביסל איז דאס גוט, און ווען ס׳גייט אריבער די גבולות ווערט עס א נפשיות׳דיגע פראבלעם.

א ליסטע פון פארשידענע סאושעל פחדים: 1) א פחד אפשר וועט זיין בעסערע אפציעס, פאבא פער אויף א בעסערע שידוך, פחד א דיל אין ביזנעס, מארגן א בעסערע חברותא, דאס ווערט אנגערופן FOBO, וואס דאס מיינט Fear of Better). (Options)2 דער מענטש אנערקענט אז ער פארפאסט, ער אנערקענט אז ער האט דערלייגט, וואס דאס ווערט אנגערופן ROMO, וואס דאס מיינט(Reality of Missing Out) . 3 א פחד אז מ׳פארפאסט עפעס, מ׳פארפאסט א קול אויפן סעלפון, מ׳פארפאסט א צוזאמקום, וואס דאס ווערט אנגערופן FOMO.

(די פערקערטע פון דעם איז JOMO, אז דער מענטש איז פרייליך אז ער פארפאסט עפעס, Joy of Missing Out).

4) א פחד פון אריינקומען אין די חברה, א פחד אז איינער וועט אים זאגן א ווארט, ער וועט זיך נישט פילן קאמפטעבל, וואס דאס ווערט אנגערופן FOJI, די ראשי תיבות פון דעם איז Fear Of) (Joining In). 5 א פחד אז איינער ווערט ארויסגעלאזט פון די חברה, און מ׳פרבירט צו באשיצן אויף אים, דאס ווערט אנגערופן BROMO (). 6 א פחד אז מ׳ווערט אויסגעלאזט פון די חברה, א פחד אז קיינער וועט מיך נישט באמערקן, דאס ווערט אנגערופן ( Fear of Being Ignored Altogether - - FOBIA).

## פחדים מיט די ארום

׳פחדים׳ איז די קאנעקשן פון דעם מענטש צו זיין ארום, פחדים איז דער פארמיטלער צווישן דעם מענטש און זיין ארום, ווען א מענטש זאל גארנישט האבן מיט זיין ארום, וואלט ער נישט געהאט קיינע פחדים, אלע פחדים קומט פון דעם וואס דער מענטש פארשטייט ווי אנגעוויזן ער איז אויף די ארום ארום זיינער, ער האט פחדים דאס נישט צו פארלירן, ער האט פחדים אז ער זאל נישט פארלירן זיין חיים פון ארום.

ווען א מענטש האט א אייגענע שטארקייט, ער איז נישט אנגעוויזן אויף א צווייטן, קען ער לייכט מעסטן און שאצן צו זיינע פחדים זענען אמת׳דיגע אדער איבערגעטריבנע, האב איך נארמאלע פחדים אדער אומנארמאל.

אבער טאמער האט מען נישט די אייגענע שטארקייט, איז שווער צו שניידן מיט א קלארקייט צו די פחדים זענען ריכטיג.

פארציילן פאר א צווייטן די פחדים, דורך צו שמועסן פחדים מיט איינעם, האט א שטארקע שוועריגקייט, די טבע איז אז יענעמס פחדים איז א ליצנות, א מענטש איז נישט מחשיב יענעמס פחדים, אייגענע פחדים איז א ערנסטע זאך, יענעמס פחדים אבער איז גאר גאר ביליג, ס׳איז א שווערע זאך צו טרעפן איינער וואס וועט עס מחשיב זיין, אויסקלארן צו ס׳איז ריליסטיש, און געבן כח זיך צו שטארקן.

**שמעו ותחי נפשכם**

בשמחה איז מען מודיע פארן ציבור

די נייע נאמבער צו ׳קול הלשון׳ פון די שיעורים

פון הרב שלום לאנגסאם

**1605-313-6803**

די אלטע נאמבער 1646-655-0559

גייט ווערן פארמאכט אין א חודש ארום

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 1605-313-6803 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי - לומדות יומי -ביזנעס יומי - נפש יומי - חינוך יומי), על הפרשה 4, חומש רש״י 5, משנה וגמרא 6, הלכה 7, מוסר וחסידות 8, סיפורי צדיקים 9, אינטערסאנטע טאפיקס 10, שבת 11, מועדים 12, נשואין שלום בית 13, סליידס (שקופיות) 14, פרעזענטאציעס (מצגות) 15, | נ״ך 2 - שיעורים על רוב תנ״ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** shalomlangs@gmail.com

**או לשלוח הודעה:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+